Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat

פרייז 20 גראשען

# הײַנט 8 זײַטען

# לאָדזשער פאָלקסבלאַט

אונפּאַרטייאישע פּאָליטיש - געזעלשאַפטליכע טאָג - צייטונג

Nr. 116 (1122) | Łódź, Czwartek 26 Maja 1927 | פינפטער יאָהרגאַנג | לאָדז, דאָנערשטאָג כד אייר תרפ"ז | Nr. 116 (1122)

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24-71. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, Tel. 24,71.



## צו אַלע סימפּאַטיקער פון העברעאישע שול-וועזען!

די פערוואַלטונג פון יודישען פעראיין פאַר פאָלקס-שולען און פאַר-שול-ערציהונג (פּאָלודניאָווע 11) איז מודיע, אַז

## מאָרגען, פרייטאָג, דעם 27. מאַי ד. י. קומט פאָר דער אָבצייכנונגס-טאָג

לטובת דער העברעאישער עלעמענטאַר-שולע אויפ'ן נאָמען פון שלום-עליכם.

אַלע, וואָס האָבען זיך פערשריבען אַלס זאַמלער, ווי אויך בכלל אַלע אָנהענגער פון דער העברעאישער שפּראַך און העברעאישער ערציהונג, ווערען געבעטען צו קומען הײַנט פון 9 פרי'ה ביז 9 אָווענד אין קאַנצעלאַריע פון דער שולע, פּאָלודניאָווע 11, 1 שט.. פראָנט, בכדי אָבצונעהמען דעם מאַטעריאַל צו דער מאָרגענדיגער זאַמעל-אַקציע.

פון אייער מיטה לך, סימפּאַטיקער פון העברעאישען שול-וועזען, איז אָבהענגיג דער ערפאָלג פון דער מאָרגענדיגער זאַמעל-אַקציע לטובת דער העברעאישער ערציהונג.

778 שטעלט זיך אַלע צו דער אַרבייט!!!



## די ביליגסטע קוועלע

פון פּערפומען, זייפען, פּודער, נעזיכטס-קרעמען, פערשידענע צאָהן-פּאַסטעס פון די בעסטע אויסלענדישע פירמען איז צו בעקומען נור ביי דער האַנדלונג-פירמע

**S. Buchwajc, Łódź**

Piotrkowska 22, tel. 31-43.



## בית-ספר עממי עברי מעורב

בו שבע מחלקות ע"ש שלום-עליכם

של החברה ליסוד בתי-ספר עממים וגני ילדים עבריים בלודז

7-קלאַסיגע העברעאישע קאָאָעדוקאַציאָנס-עלעמענטאַר-שולע אויפ'ן נאָמען פון „שלום-עליכם"

ביי דער געזעלשאַפט פאַר יוד. פאָלקס-שולען און פאַר שול-ערציהונג

אין לאָדז, פּאָלודניאָווע 11, טעל. 34-13

איז מודיע, אַז לויט דער פעראָרדנונג פון דער שול-מאַכט פון דעם 10. מאַי ווערען אָנגענומען איינשרייבונגען פון נייע שילער פון דער 1. ביז דער 7. קלאַס ביז צום 1. יוני.

די עלטערן, וועלכע וועלען דעם טערמין פערשפּעטיגען, וועלען זיין געצוואונגען צו שיקען זייערע קינדער אין די רעגירונגס-פאָלקס-שולען. די אַבסאָלווענטען פון אונזער שולע ווערען קאָמפּלעט פּאָרבערייט צו דער 5. קלאַס פון די יודישע גימנאַזיעס, ווי אויך אין „יבנה".

מיט אָנמעלדונגען ווענדען זיך פּאָלודניאָווע 11, פראָנט, 1. שטאָק פון 8—2 מיטאָג.

767 די דירעקציע.



Dr. med.

**A. MAZUR**

נאַרוטאָוויטש (דזשעלנאַ) 44

אויערען און האַלז קראַנקהייטען שטימע און שפּראַך-פעהלערען (שטאַמלען א.ז.וו.) נעמט אָן פון 12—2 און פון 6½—8 אָוו.



צום אָבפאָהרען פון פרײַליין סאָניאַ בערגער קיין בעלגיען ווינש איך איהר אַ גוטע רייזע און אַ גליקליכע צוקונפט. אייער פריינד

מנחם אַרבאַך.

792



## קאָרקען-האָלץ

די אַלע וואָס האָבען אינטערעס פאַר דעם אימפּאָרט פון קאָרקען-האָלץ פון פּאָרטוגאַל, ווי אויך אַנדערע אַרטיקלען קענען זיך ווענדען לויט פאָלגענדען אַדרעס:

783

**A. Brzezinski,**

**Łódź, Lipowa 20, Tel. 40-24**



אחרי מחלה כבדה וממושכה גוע ויאסף אל עמיו בעלי היקר, אהובי אבינו, זקננו, גיסנו ודודנו

## נ"ע חיים ב"ר יונה אברהם ז"ל שוואַרץ

(בשנת הששים ושנים לימי חייו).

ההלוי' תהי' היום, ביום ה' כ"ד אייר תרפ"ז, בשעה 1 בצהרים מבית האבל אַלעיאַ 1. מאַי (פּאַסאַזש-שולץ) 5 השרויים בצער עמוק

785 משפחתו המתאבלת.



## צו דער לאָדזער יודישער בעפעלקערונג! איינלאַדונג.

הײַנט, דאָנערשטאָג, דעם 26. מאַי, 3 אַ זייגער נאָכמיטאָג ווערט אין העלענובעק פאָרקומען

## אַ גראַנדיעזע פייערונג

לכבוד דעם לייגען אַ ווינקעל-שטיין אונטער דעם נייעם בנין פון אונזער אינטערנאַט, וואָס ווערט אונז געבען די מעגליכקייט אַריינצונעהמען פרישע 100 פערלאָזענע קינדער.

כדי אָנטייל צו נעהמען אין דעם דאָזיגען יום-טוב קומען ספּעציעל פון וואַרשאַ:

דער פאָרזיצער פונ'ם „פערבאַנד פון די צענטראַלעס פאַר יתומים-פערזאָרגונג אין פּוילען" ה' סענאַטאָר ראַפאַל שערעשאַווסקי.

וויצע-פאָרזיצער פונ'ם „פערבאַנד" ה' סיים-דעפּוטאַט ד"ר ש. פעלדמאַן.

פּרעזידיום-מיטגליד פונ'ם „פערבאַנד" ה' ל. נייסטאַדט.

לאַוואַניק פון וואַרשאַווער מאַגיסטראַט, פאָרזיצענדער פון „יודישען גאַזיאַנאַלען בלאָק" ה' ד"ר ה. ז. ביכאַווסקי.

רעדאַקטאָר פונ'ם וואַרשאַווער „הײַנט" ה' אַבּרהם גאָלדבערג.

דער בעוואוסטער פּובליציסט און שריפטשטעלער ה' ב. יאושואַן (אָזשעלאָ) א אַנד.

פון די לאָדזער יודישע מנהיגים וועלען זיך בעטייליגען אין דער פייערונג די ה"ה:

סענאַטאָר ד"ר מ. ברוידא. | סיים דעפּוטאַט ד"ר י. ראָזענבלאַט,

סענאַטאָר אשר מענדעלזאָן, | סיים-דעפּוטאַט ל. מינצבערג און פיל אַנד.

לאָדזער יודען! דער היינטיגער יום-טוב אין העלענובעק דאַרף זיין אייער אַלגעמיינע שמחה, ווייל דער אינטערנאַט און פערמעג אין העלענובעק זענען פאָלקס-אינסטיטוציעס פאַר אַלע יודישע שיכטען און קלאַסען. ערשיינט, אַלזאָ, הײַנט צו דער פייערונג מאַסענווייז, אָרים און רייך, יונג און אַלט, קיינער טאָר ניט פעהלען! אייער צאָהלרייכע בעטייליגונג אין דער שמחה וועט אונז געבען כח און מוט אויסצופירען אונזער בנין. העלפט אונז אויסבויען אונזער אַנשטאַלט!

775 די פערוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט „אינטערנאַט פאַר יוד. קינדער און פערמעג אין העלענובעק".

בעמערקונג: קיין העלענובעק פאָהרט מען מיט'ן זגערזשער טראַמוואַי, וואָס געהט-אָב פון באַלוטער מאַרק יעדע 10 מינוט.



הײַנט, דאָנערשטאָג, דעם 26 מאַי 8 אַ זייגער אָווענד קומט פאָר אין לאָקאַל פון האַנדווערקער פערבאַנד, פּאָלודניאָווע 4

## אַ מאַסען-מיטינג

— געווידמעט דער — זונטאָג-רוהע-פראַגע

אַ"ס רעדנער טרעטען אַרויס: סיים-דעפּוטאַט דר. ראָזענבלאַט, לאַוניק אַלעקסאַנדער יאָעל, אַדוואָקאַט צימערמאַן און אַנדערע.

אייננאַנג פריי. קומט מאַסענהאַפט! אייננאַנג פריי.

די פערוואַלטונג

784 פון צענטראַל-האַנדווערקער-פערבאַנד פּאָלודניאָווע 4.



## 1-טע אָרטאָדאָקסישע 7-קלאַס. טעכטער-שולע

## „בית-יעקב"

צעגעלניאַנאַ № 24. | צעגעלניאַנאַ № 24.

צום שול-יאָהר 1927/8 עפענען מיר אין צענטרום שטאָט אַ אָבטיילונג פון אונזער שולע מיט אַ 7-טען אָדער שאַל לויט'ן פּראָגראַם פון די IV קלאַס גימנאַזיע.

שכר-לימוד אין די 1-טע 4 קלאַסען זענען 30 און 45 זל. אַ קוואַרטאַל.

איינשרייבונגען קומען פאָר נור בז'ן 1. טשערוויעץ אין דער קאַנצעלאַריע פון דער שולע טעגליך פון 9—12 און פון 4—7 אָהענד.

ביי דער שולע עקזיסטירט אַ פרעבעל-אָבטיילונג פאַר קינדער פון 4—7 יאָהר.

עס ווערען אויך געעפענט בוכהאַלטעריע- און האַנדעלס-קורסען, ווי אויך „בית-יעקב"-קורסען פאַר דערוואַקסענע.

781 די הנהלה.

נאָך קורצע און שווערע לײַדען איז מיטוואָך, 3 אזייגער בײַנאַכט געשטאָרבען מײַן ליבער מאַן, אונזער ליבער פאָטער, ברודער און שוואָגער

**נ. ע.**

# חיים שלמה פרעהליך

בּ"ר משה הכהן ז"ל

**(אין עלטער פון 46 יאָהר).**

די לוי' קומט פאָר הײַנט, דאָנערשטאָג, דעם 26-טען מאַי ד. י., 3 אזייגער נאָכמיטאָג פון טרויער-הויז, זאַוואַדזקאַ 38, וועגען וואָס עס טיילען מיט

## די טיפטרויערנדע פאַמיליע.

---

פאַרצערט און טיף געבויגענע טיילען מיר מיט אונזערע מיטגלידער, אז דער אומבּרחמנות'דיגער טויט האָט אַרויסגעריסען פון אונזערע סוחר'ישע רייהען איינעם פון אונזערע טיכטיגסטע און איבערגעגעבּענסטע טוער, דעם וויצע-פּרעזעס פון אונזער פערבּאַנד

**נ. ע.**

# חיים שלמה פרעהליך

מיר פאָדערן אויף אַלע מיטגלידער זיך צו בּעטייליגען אין דער לויה, וואָס קומט פאָר הײַנט, דאָנערשטאָג דעם 26-טען מאַי, 3 אזייגער נאָכמיטאָג פון טרויער-הויז זאַוואַדזקאַ 38, כּדי איהם אָפּצוגעבּען דעם לעצטען כּבוד.

זײַן אָנדענקען וועט בּײַ אונז אײביג בּלײַבּען אין זכרון!

עהרע זײַן אָנדענקען!

## די פערוואַלטונג

**פון צענטראַלען סוחרים- און פאַבּריקאַנטען-פערבּאַנד פון דער לאָדזער וואָיעוואָדזשטווע, פּעטריקאַווער 10.**

---

ערשיטערט פון דעם אומערוואַרטעטען אומגליק, וואָס האָט געטראָפען אונזער געאַכטעטען מיטגליד פון דער פערוואַלטונג

**נ. ע.**

# חיים שלמה פרעהליך

דריקען מיר אויס מיטגעפיהל דער שווער געטראָפענער פאַמיליע.

מיר בּעטען אַלע מיטגלידער פון דער בּאַנק איהם אָפּצוגעבּען דעם לעצטען כּבוד און צו בּעטייליגען זיך אין דער לויה, וועלכע קומט פאָר הײַנט, דאָנערשטאָג, 3 אזייגער נאָכמיטאָג פון טרויער-הויז זאַוואַדזקאַ 38.

## די פערוואַלטונג און ראַט

**פון סוחרים- און פאַבּריקאַנטען-פערבּאַנד אין לאָדז, פּעטריקאַווער 41.**

